א] פון דעם הימעל, אויבען דארט.
א ישועה, פון אלעם סארט.
לחן ולחסד, ולרחמים.
און אריכת ימים.

פרנסה בריוח, געזונטערהייט.
א הימעל שטיצע, מיט לעבטיקייט.
בעטען מיר, אצינד פון דיר.
הייליגער בורא כל עולמים:

זרעא חיא וקימא...

ב] קינדער צום לעבן, אין צום געזינד.
בעטען מיר, פון דיר אצינד.
קינדער גיטע, קינדער פרימע.
וואס זאלען האבען פאר דיר מורא.

קינדער וואס זאלען נישט, ליידיג גיין.
קינדער וואס זאלען נישט, אפ שטיין.
פון צום לעבן, און צו שטערבין.
און די הייליגע תורה:

זרעא חיא וקימא...

ג] פאר אלע גוטע, און פרימע לייט.
פון דער נאהנט, און פון דער ווייט.
רבי'עס און רבנים, און דרשנים.
פון דער הייליגער חבריא.

פון ארץ ישראל, און פון בבל לאנד.
דיינים און ריש גלותות, מיט א נאנד.
זייערע חסידים, און תלמידים.
וואס לערנען תורה אלע מאהל.

זרעא חיא וקימא...

ד] דער גרויסער מלך, פון דער גאנצע וועלט.
זאל בענטשען א יעדען, און זיין געצעלט.
זייער לעבען מעהרען, און זיי גוט'ס באשערען,
עס זאל זיי, תמיד גוט זיין.

בעהיט זאלען זיי ווערען, פון אלעם בייז.
סיי די יונגער, און סיי דער גרייז.
ווייבער און קינדער, יעדער בעזינדער,
זאגטש'עט אלע א מ ן:

זרעא חיא וקימא...

*



בית יוסף להבה / וויס, חיים (עמוד 112) 110264 הודפס מאוצר החכמה